בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת כי תצא תשפ"ב
ס"ג מאמר א'

יו"ל פר' כי תצא תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

### "גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

### "בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**דער קאצקער רבי** זי"ע האט מדקדק געווען אז ביי אונז אין פרשה שטייט (כא, י) 'כי תצא למלחמה על אויביך **ונתנו** ה' אלקיך בידך', און ביי די פרשה פון נסכים [וואס מ'זאגט ביי די פסוקים פון שופרות מוסף ראש השנה] שטייט (בהעלתך י, ט) 'וכי תבאו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם **והרעותם בחצוצרות** ונזכרתם לפני ה' אלקיכם ונושעתם מאויביכם', פרעגט ער פארוואס ביי אונז אין פרשה האט מען נישט געדארפען קיין שום פעולה פון 'תרועה בחצוצרות', נאר ס'שטייט 'ונתנו', אז ס'איז מעין אן הבטחה אז ס'וועט אזוי זיין, און ווידער אין צווייטען פרשה האט מען געדארפען צוקומען צו תרועה בחצוצרות, און 'נזכרתם לפני ה' אלקיכם', און נאר דערנאך וועט זיין 'ונושעתם מאויביכם'.

**און** ער איז מפרש, אז ביי אונז אין פרשה 'כי תצא למלחמה' רעדט מען אז דאס גדאנק ארויס צוגיין אין מלחמה אריין קומט פונעם מענטשס זייט, אז ער גייט ארויס מיט א אטאק אנטקעגען דעם יצר הרע דארט וויא ער געפינט זיך, דעמאלט האט מען א הבטחה 'ונתנו', און מ'דארף נישט צוקומען צו קיין תרועה. אבער 'כי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם' - אויב דו האסט פארנאכלעסטיגט דעם מלחמת היצר, און דו האסט געגעבען פאר'ן יצר א דריסת הרגל, און דער פיינט געפינט זיך שוין אין דיין לאנד - בארצכם, דעמאלט דארף מען שווער ארבעטען און זיך אנשטרענגען כדי זיך מתגבר זיין אויפ'ן יצר (עי' רמתים צופים מערכת הרה"ק מקאצק אות כב, ושם משמואל תר"פ עמ' קנ-קנא, ועי' לקוטי הרי"מ בפרשתן).

**און** דער **שפת אמת** זי"ע האט צוגעלייגט אויפדעם, אז דאס איז די כוונה פון רש"י 'במלחמת הרשות הכתוב מדבר', ד. ה. ווען זיין הארץ איז נאך ברשותו אנטקעגען דעם יצר הרע, און ער האט זיך נאכנישט איבער געדרייט צו זיין א רשע וואס ער איז ברשות לבו (ב"ר לד, י), נאר ער געוועלטיגט אויף זיך איהם נישט אריין צו לאזען ביי זיך, דעמאלט

איז 'ונתנו ה' אלקיך בידך' (עי' לקוטי יהודה).

**און** דער ביאור איז זייער מדוקדק אינעם לשון פון די פסוקים, ווייל דא שטייט **'אויביך'**, און דארט שטייט **'הצר הצורר אתכם'**, וואס דער **מלבי"ם** אין עטליכע ערטער (עי' בהעלתך י, ט, ישעיה א, כד ועוד רבות) ערקלערט אז 'צר' איז נישט קיין פיינט - 'אויב' און א שונא בעצם, נאר ער האט א געוויסע זאך וואס שטערט איהם, און ער האלט מיט דיר מלחמה כדי איינצונעמען פון דיר א שטיקעל לאנד אדער א אנדערע זאך, און אין יענער צייט ווען ער טוהט דעם פעולה פון דעם דאזיגען זאך, 'צר' - דעמאלט טוהט ער דיר וויי - הוא מיצר לך, אבער ער טוהט דאס נישט פון א שנאה וואס ליגט באהאלטערנהייט ביי איהם בעצם. אבער ווידער אן 'אויב', אויך ווען ער טוהט גארנישט קעגען דיר, פונדעסטוועדען איז ער דיין פיינט - א 'אויב' בעצם, און אויך ווען ס'איז נישט דא קיין מלחמה בפועל, ווארט ער און האפט דיר שלעכטץ צו טוהן, ווייל ס'ליגט אין איהם באהאלטען פיינשאפט, ווייל ער האט דיר פיינט, און ער איז דיין 'אויב' בעצם.

**והן** הן הדברים ביי מלחמת היצר, דער וואס האט נישט קיין שכל צו פארשטיין אז דער יצר הרע איז זיין פיינט - 'אויב' און שונא בעצם, און ער איז נישט קיין משכים עליו להרגו - 'כי תצא למלחמה', נאר 'כי תבואו למלחמה בארצכם', נאר דעמאלט בשעת ווען ער איז 'צר הצורר אתכם' - ווען ער האט דיר שוין געשטרויכלט מיט אן עבירה און א געוויסע זינד, אדער ער האט דיר צוריק געהאלטען פון טוהן א מצוה אדער א גוטע זאך, דעמאלטס דערוועקסטו זיך זיך צו קעמפען קעגען איהם, אין אזיין סארט פאהל דארף מען בלאזען מיט חצוצרות ונזכרתם לפני ה' אלקיכם כדי געהאלפען צו ווערען - 'ונושעתם מאויביכם'. מה שאין כן, אויב דער געפיהל און דער וויסענשאפט פונעם מענטש איז אז אויך בשעת וואס ער שפירט נישט א מלחמה בפועל, און עס דאכט זיך איהם אז דער יצר האלט נישט א מלחמה קעגען איהם, פונדעסטוועגען אנערקענט ער און ווייסט אז אויך ווען ער שלאפט - איז ער אויף, און אויך

דעמאלט ווען דו מיינסט אז ער איז דיין גוטע פריינד - האט ער דיר פיינט (עי' חובה"ל שער יחוד המעשה ראש פרק ה), און דעמאלטס גרייט ער זיך צו מלחמה צו האלטען אקעגען די יצר הרע וואס ער איז 'אויביך' - דיין גרעסטער שונא וואס דו האסט אויף די וועלט, און שטענדיג איז ער משכים עליו להרגו, 'ונתנו ה' אלקיך בידך'.

**שטייט** (כג, ד-ו) 'לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה' וגו', על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים בדרך בצאתכם ממצרים ואשר שכר עליך את בלעם בן בעור וגו', ולא אבה ה' אלקיך לשמוע אל בלעם ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה כי אהבך ה' אלקיך'. מען דארף פארשטיין פארוואס איז די תורה מאריך און שרייבט צוויי פסוקים און געבט א טעם אויף דעם לאו, דאס איז שוין ערקלערט געווארען בארוכה אויף זיין ארט אין פרשת בלק, און וואס פעלט אויס דאס איבער צו חזר'ן דא בארוכה אין משנה תורה.

**נאר** מ'קען דאס ערקלערען, בהקדם דאס וואס מיר טרעפען אין אפאהר ערטער אין חז"ל אז 'עמון' און 'מואב' זענען די שורש פונעם שלעכטס. שטייט אין די גמרא (סנהדרין צו:) 'עמון ומואב שיבבי בישי דירושלם הוו' - עמון און מואב זענען געווען די שלעכטע שכנים פון ירושלים, און לכאורה דארף מען דאס פארשטיין, ווייל אט זענען דאך עמון און מואב פעלקער, און מען וואלט געדארפען שרייבען אז זיי זענען שלעכטע שכנים צו די אידישע פאלק - לאומה הישראלית, פארוואס כאפט מען אן דייקא ירושלים, זיי זענען דאך נישט קיין קרובים צו ירושלים מער וויא די אנדערע שטעט פון ארץ ישראל [ועי' בגליון הש"ס שציין לר"ש (ידים פ"ד מ"ד) דגריס שיבבי בישי 'לישראל']. נאר דער מכוון איז צו ירושלים - ירא ושלם, וואס זיי האבען זיך אקעגען געשטעלט צו די אינערליכען מהות פון ירושלים, ווייל עמון און מואב זענען נישט 'צר הצורר אתכם' וואס קומען איינעמען און געוועלטעג'ן אינעם חלק פון ארץ ישראל, נאר זיי זענען בעצם די פיינט צו קדושת ישראל, צו ירושלים - ירא ושלם.

**און** אזוי איז אויך גערדינגען און שטייט אפען אין וואס חז"ל (יבמות טז:)

זאגען אז בשעת ווען די גויים זענען אריין געגאנגען אינעם היכל, האבען זיך אלע באשעפטיגט מיט די גאלד און זילבער, אבער עמון און מואב האבען זיך צוגעקערט צום ספר תורה, און זיי האבן געזאגט 'זה שכתוב בו לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה' ישרף באש'. והדבר אומר דרשני, ווייל די תורה האט דאך אונז באפוילען אויף אלע גוים 'ולא תתחתן בם' (ואתחנן ז, ג), און דאס וואס ס'שטייט 'לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה' גם דור עשירי לא יבא להם בקהל ה' עד עולם', גייט ארויף אויף א 'עמוני' און א 'מואבי' וואס קומען זיך מתגייר זיין און פונדעסטוועגען זאגט די תורה **לא יבוא בקהל ה'**, און אט עמון און מואב וואס זענען אריין געגאנגען אינעם היכל, האבען בכלל נישט געמיינט זיך מתגייר צו זיין און קומען בקהל ה', אויב אזוי וואס האט זיי געשטערט פונקט דעם דאזיגען פסוק, און אויב דו וועסט זאגען אז זיי האבען זיך יא געוואלט מגייר זיין - איז אוודאי וואלטען זיי נישט פארברענט קיין ספר תורה.

**נאר** דאס וואס האט געשטערט פאר עמון און מואב - שורש הרע, איז געווען די קדושה פונעם ספר תורה, און זיי האבען גוט פארשטאנען די טיפען באדייט אינדעם וואס שטייט אין פסוק לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה', און אזוי וויא מיר וועלען שפעטער ערקלערען אז צוליב דעם טעם האט דער פסוק אזוי מאריך געווען בטעם הדבר.

**דער** מהר"ל (נצח ישראל פרק לב) געבט צו פארשטיין באריכות, אז אלע אומות זענען '**חומר המתנגדים לצורה**', אבער עמון און מואב זענען '**צורה כוזבת וזרה**', און דערפאר זענען עמון און מואב פון שטענדיג אן געווען די פיינט האבער'ס פון די אידען מער וויא אלע אנדערע פעלקער, און דעריבער 'לא יבואו בקהל ה' עד עולם', ווייל זיי זענען 'צורה המתנגדים' צו די אמת'דיגע צורה פון די אידען, ווייל דאס וואס שטערט זיי איז די רוחניות פון די אידען. און טאקע עמון און מואב האבען נישט מלחמה געהאלטען מיט א שווערד אזוי וויא די אנדערע פעלקער, נאר זיי האבען מלחמה געהאלטען מיט'ן מויל - כח הפה, מיט'ן שעלטען וואס

איז א רוחניות'דיגע כוח, ווייל דאס איז די מהות פון עמון און מואב, די 'צורה הכוזבת' וואס איז זיך מתנגד צו די אמת'דיגע צורה, צו די הייליגע צורה פון די אידען.

**חז"ל** פארציילען אין מדרש (איכ"ר פתיחתא ט) אויף די נידריגע מעשים וואס עמון און מואב האבען געטוהן - באותה שעה נשבע הקב"ה שהוא מקעקע בֵּיצָתָן מן העולם - אז ער וועט אויסרייסען - משרש שרשן פון עמון און מואב פון די וועלט, א שטייגער וויא עס שטייט אויף עמלק 'כי יד על כס י-ה' (בשלח יז, טז) - נשבע הקב"ה שאין שמו שלם ואין כסאו שלם עד שימחה זרעו של עמלק (תנחומא סו"פ תצא), אויך געוויס אויף עמון און מואב האט דער אייבערשטער געשווירען אז ער וועט זיי אויסרייסען פון די וועלט, און אלעס קומט דערפון ווייל זיי זענען די שורש הרע.

**און** די שורש הרע פון עמון און מואב - וואס מיינט די כח פון די יצר הרע וואס זיי פארמאגען, איז מרומז אין די צוויי פסוקים וואס דער תורה האט מאריך געווען און געשריבען א טעם פארוואס לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה'. ווייל אט שרייבט רש"י אויפדעם וואס ס'שטייט 'על דבר אשר לא קדמו אתכם', און די מפרשים פארטייטשען אז לכאורה דאס וואס ס'שטייט אין פסוק 'על דבר אשר', איז איבעריג, ווייל ס'וואלט נאר געדארפען שטיין **על אשר** וגו', נאר דאס איז די מקור אויף דאס וואס רש"י טייטשט און זאגט 'על דבר - **על העצה שיעצו אתכם להחטיאכם**' (עי' ר"א מזרחי ומשכיל לדוד), די עצה להחטיאם איז מרומז אין די ווערטער 'על **דבר**' - אזוי וויא ס'שטייט אין חז"ל לגבי דער ענין פון עריות אז מ'לערנט ארויס 'דבר דבר ממון' (עי' קידושין סה:). און דער המשך פונעם פסוק איז 'אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים', לכאורה וואס איז די שייכות צווישען די עצה להחטיאם, צו דעם וואס 'שלא קדמו אותם בלחם ובמים' (עי' דברי דוד להט"ז). נאר ס'שטייט אין ספרים אז ס'איז פארהאנען א שייכות צווישען די עצה פון בלעם להחטיאם און צווישען דאס וואס 'שלא קדמו אותם בלחם ומים', ווייל אין אנהייב האבען זיי אוועק געשטעלט געסער און געשעפטען וואס זיי האבען דערמיט

פארקויפט און זיי פארגעשלאגען פון די מנעמי עולם הזה, און דורכדעם האבען זיי געקענט זיי שטרויכלען - מחטיא זיין, אזוי וויא ס'שטייט אין חז"ל (עי' במ"ר כ, כג ועי' סנהדרין קו.). און לויט דעם קומט אויס אז די סיבה דערויף וואס 'לא קדמו אותם בלחם ומים', איז כדי אז זיי זאלען האבען א דארשט און א גופניות'דיגע השתוקקות צו ברויט און וואסער - לחם ומים, און דורכדעם וועלען זיי אריינגיין צו די געשעפטען פון בנות מואב, און זיי וועלען זיי שטרויכלען מיט א זינד (עי' דברת שלמה). און דאס ליגט באהאלטען אין רש"י'ס ווערטער, אז אויך דאס וואס זיי האבען זיי נישט מקדם איז א חלק פון די עצה פון מואב זיי צו מאכען זינדיגען [און אפילו אז מיר זעהן אז אין די סדר וואס שטייט אין די תורה, דאס וואס זיי האבען זיי נישט מקדם געווען מיט וואסער, איז געווען נאכ'ן עצת בלעם, פונדעסוועגען קען מען זאגען אז ס'איז אלעס געווען צוזאמענט - אויף איינמאהל], ווייל זיי זענען די שורש הרע וואס ווילען שטרויכלען די אידען.

**און** מ'קען מדקדק זיין א דבר נפלא אינעם לשון פון רש"י וואס שרייבט 'על העצה שיעצו **אתכם** להחטיאכם', לכאורה וואלט געדארפען שטיין 'שיעצו **עליכם**' [און ס'איז טאקע דא אזעלעכע נוסחאות וואס ס'איז טאקע נישט דא די ווארט 'אתכם', אבער די גירסא וואס מיר האבען שטייט יא 'אתכם', און יעדער'ס ווארט פון רש"י האט אין זיך קדושה און ס'ליגט אין איר באהאלטען רמזים]. וי"ל אז דער באדייט דערפון איז, אז בלעם האט אריינגעברענגט א עצה אין זייער הארץ זיי מחטיא צו זיין, אז זיי אליין זאלען וועלען זינדיגען, און דער עצה וואס בלעם האט זיי געגעבען אז 'אלהיהם של אלו שונא זימה' און מ'דארף זיי צו שטרויכלען דערמיט, איז נישט נאר א עצה בלויז פאר'ן דור המדבר אליינט, נאר דאס איז א שטענדיגער איינרעדעניש, און אין יעדער דור און דור - יעדער איינער און איינער, האט א יצר הרע וואס רעדט איהם אריין אין אויער, געבט איהם א עצה און רעדט איהם איבער צו טוהן א דבר עבירה. און געוויס דייקא אויפ'ן וועג - בדרך - כשהייתם בטירוף (עי' רש"י), ווען א מענטש האט נישט קיין ישוב הדעת. און דער וועג פונעם יצר הרע וויא אזוי איבער צו רעדען א מענטש, איז אזוי וויא ס'איז דעמאלטס

געוועזן, וואס זיי האבען ערוועקט ביי די אידען א דארשט און זיי האבען זיי נישט מקדם געווען מיט ברויט און וואסער - לחם ומים, ווייל די דארשט פאר 'לחם ומים' איז נאר א משל צו דעם וואס דער יצר ערוועקט אינעם הארץ פון יעדער איינער ער זאל האבען א דארשט - צמאון צו גשמיות, ווייל אין אמת'ן אריין די אמת'דיגע דארשט - צמאון און השתוקקות וואס יעדער אידישע זעהל האט, איז א צמאון און א השתוקקות נפלאה צום אייבערשטען (עי' שפ"א תרומה תרס"ב), אבער דער יצר הרע מיט זיין איינרעדענישען, נוצט אויס דעם צמאון און ער שטעלט פאר פאר'ן מענטש אז ער איז דארשטיג צו די גשמיות'דיגע תאוות, דאס איז דער וועג וואס דער יצר הרע איז ענק מייעץ אייך צו שטרויכלען און זינדיגען.

**און** דער עצה און דער וועג וויא אזוי זיך מתגבר צו זיין אויף איהם, שטייט אינעם המשך פונעם פסוק, 'ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה', און די גמרא (סנהדרין קה:) איז מדייק 'קללה ולא קללות' - פארוואס שטייט אין פסוק א לשון יחיד, אלא 'כולם חזרו לקללה - כל הברכות של בלעם חזרו לקללה לאחר זמן כמו שהיה כוונתו מתחילה, חוץ מבתי כנסיות ומבתי מדרשות - שלא יפסקו מישראל לעולם'. לכאורה דארף מען צו פארשטיין צו עס איז טאקע אזוי, צו דען האט זיך קיינמאהל נישט אפגעטוהן בתי כנסיות און בתי מדרשות פון די אידען, אט די אנוסים אין ספרד האבען נישט געהאט קיין בתי כנסיות און בתי מדרשות, און אזוי אויך באר'ן לעצטע וועלטס קריג אין די לאגערען האבען זיי נישט געהאט קיין בתי כנסיות און בתי מדרשות. נאר טאקע דערפאר שטייט 'ויהפוך ה' אלקיך **לך** את הקללה לברכה', לך א לשון יחיד, ווייל טאקע בסייעתא דשמיא אין רוב פונעם דורות איז דא א השגחה אז אין יעדער ארט און אין יעדער צושטאנד געפינען זיך בתי כנסיות און בתי מדרשות - און אויך אין יענער ערטער וויא פריער דערמאנט, איז זיי געלונגען צו מאכען שילען אין די באהעלטעניש, אבער אויך ווען א איד געפינט זיך אין א צושטאנד און אין א אופן וואס ער איז אליינט אן קיין בתי כנסיות און בתי מדרשות - סיי אויב עס פעלט איהם תורה און תפילה אין א גשמיות'דיגע זינען, און סיי אויב ער האט א רוחניות'דיגע שווערעקייט,

פונדעסטוועגען איז געזאגט געווארען פאר יעדער איינציגער און איינציגער 'ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה', ביי דיר אין הארץ איז פארהאנען א בית המדרש.

**און** דאס איז די סוד וואס ס'שטייט אין חז"ל (סוכה נב: קדושין ל:) 'אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש', און אויב ס'מיינט בלויז כפשוטו, איז דעמאלט ווען א מענטש געפינט זיך אין גאס און דער יצר הרע שטארקט זיך אויף איהם - ביז ער וועט אריינקומען אין בית המדרש אריין, קען דער יצה"ר איהם מנצח זיין הונדערט מאהל, נאר ס'מיינט אויף די בית המדרש וואס איז דא אין הארץ פון יעדער איד, ד. ה. צו די געפיהל אינעם הארץ, אז אנטקעגען די צומישונג וואס דער יצר הרע ערוועקט אין דיר, און אנטקעגען די צמאון וואס ער מאכט דיר דארשטיג און ער רעדט דיר איין אז דו זיכטס און דו ביסט זיך משתוקק אויף גשמיות'דיגע תאוות, האסטו א מעגליקייט צו געבען צו טרינקען דעם דארשט מיט א רוחניות'דיגע געפיהל - אין דער בית המדרש וואס איז פארהאנען אין דיין הארץ [אזוי וויא ס'שטייט אין חז"ל (תדבא"ר פ"ו) אם ראית שהיסורין ממשמשין ובאות עליך רוץ לחדרי דברי תורה - חדרי תורה שבלבו (עי' בית ישראל ואתחנן תשט"ז שהאמרי אמת זי"ע היה רגיל במאמר זה)], ווייל די שורש פונעם צמאון איז פונעם נפש וואס איז משתוקקת אל בוראה, און דאס איז די קללה וואס ווערט איבער געדרייט צו א שטענדיגע ברכה.

**און** דאס איז וואס דער פסוק ענדיגט צו און זאגט 'כי אהבך ה' אלקיך', 'כי' וואס איז דא געזאגט געווארען, איז נישט קיין נתינת טעם אויפדעם וואס שטייט פריער - פארוואס האט דער אייבערשטער איבער געדרייט די קללה לברכה, נאר ס'גייט ארויף אויף די כללות'דיגן עצת היצר, אז די וועג וויא אזוי זיך מתגבר זיין אויף איהם איז 'כי אהבך ה' אלקיך', אז יעדער איד זאל וויסען אז ער האט דער מעגליכקייט אין זיין האנט צו ערוועקען אהבת ה' אין זיין הארץ, ווייל די אידישע זעהל האט אין זיך א 'אהבה נפלאה אל בוראה', א רצון און א נפלא'דיגע קשר צום אייבערשטען. געוויס טאקע קומט

דער יצר הרע צו צומישען דער מענטש מיט טירוד און טירוף הדרך, אבער דער מענטש דארף גוט געדענקען 'כי אהבך ה' אלקיך', דער אייבערשטער האט ליעב יעדער איינער און איינער פון די אידישע קינדער, און אהבת ה' צו די אידען ערוועקט אינעם הארץ פון יעדען איד א אהבה צום אייבערשטען - כמים הפנים לפנים, קומט אויס אז יעדער איינער האט די מעגליכקייט צו ווערען צו שטרעבען און גלוסטען צום איהם ית"ש, נפשי חולת אהבתך.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלען זוכה זיין צו ערקוועקען אין אונזער הארץ אן אמת'דיגן אהבה צום אייבערשטען, אנפילען די דארשט מט די אמת'דיגע וואסער - מיט א געפיהל פון פילען א קשר און א שייכות צום רבונו של עולם, און זיך צוגרייטען אנטקעגען די ימים הבאים עלינו לטובה.